7 אוּן ווען עס וועלן זיך ענדיקן די טויזנט יאָר,
וועט דער שׂטן אַרויסגעלאָזט ווערן פוּן זײַן גע־
8 פענקעניש, אוּן וועט אַרויסגיין צוּ פאַרפירן די
פעלקער אין די פיר עקן פוּן דער ערד, גוג אוּן
מגוג, זיי אײַנצוזאַמלען צוּ דער מלחמה; זייער צאָל
9 איז ווי די צאָל פוּן דעם זאַמד בײַם ים. אוּן זיי
זענען אַרויפגעגאַנגען אויף דער ברייט פוּן דער
ערד אוּן האָבן אַרומגערינגלט די מחנה פוּן די
קדושים אוּן די געליבטע שטאָט; אוּן אַ פייער האָט
אַראָפּגענידערט פוּן הימל, אוּן זיי פאַרצערט. (יחזקאל
10 לח, ב׳, כב׳.) אוּן דער טייוול, וואָס האָט זיי פאַרפירט,
איז אַרײַנגעוואָרפן געוואָרן אינעם טײַך פוּן פייער
אוּן שוועבל, וואו (עס געפינען זיך) אויך די חיה אוּן
דער פאַלשער נביא; אוּן זיי וועלן געפייניקט ווערן
בײַטאָג אוּן בײַנאַכט לעלמי עולמים.
11 אוּן איך האָב געזען אַ גרויסן ווײַסן כסא־הכבוד,
אוּן דעם, וועלכער איז געזעסן אויף אים; פאַר
זײַן פּנים זענען ערד אוּן הימל אַנטרונען; אוּן קיין
12 אָרט האָט זיך מער ניט געפונען פאַר זיי. אוּן
איך האָב געזען די טויטע, די גרויסע אוּן די קליינע,
שטיין פאַר דעם כסא־הכבוד; אוּן ספרים זענען
געוואָרן אויפגעמאַכט; אוּן אַן אַנדער ספר איז אויפ־
געמאַכט געוואָרן, דאָס איז דאָס ספר החיים (בוך
פוּן לעבן); אוּן די מתים זענען געמשפּט געוואָרן
אויס דעם, וואָס שטייט געשריבן אין די ספרים,
13 לויט זייערע מעשׂים. אוּן דער ים האָט אָפּגעגעבן
די טויטע, וואָס האָבן זיך געפונען אין אים; אוּן
דער טויט אוּן דאָס שאול־תחתיה האָבן אָפּגעגעבן
די מתים, וואָס זענען געווען אין זיי; אוּן יעדער
איינער איז געמשפּט געוואָרן לויט זײַנע מעשׂים.
14 אוּן דער טויט אוּן דאָס שאול־תחתיה זענען